מאָסקווע, דעם 8טן סעפּט. 1991

ליבער דוד,

איצטער איז מיר שוין ענדגילטיק קלאָר, אַז מײַנע אַרויספֿאָר־אַפּליקאַציע איז אין ערגעץ פֿאַרפֿאַלן, און איך מוז אָנהייבן דעם גאַנצן פּראָצעס פֿונסנײַ. טיילווײַז איז דאָס אויך מײַן שולד - איך האָב געוואָלט אָפּהיטן אַלע פֿאָרמאַליטעטן באַם אַרויספֿאָרן פֿון דאַנען, כּדי צו קענען זיך אומקערן. און דאָס איז, ווײַזט אויס, אַ סך שווערער, איידער אַוועקפֿאָרן אויף שטענדיק. אַזוי אַרום, מוז איך וואַרטן נאָך אַ חודש, און מסתּמא, אָנקומען צום ווינטער־סעמעסטער. מײַנע לאַגע דאָ איז זייער ענלעך אויף דעם, וואָס באַשרײַבט פֿראַנץ קאַפֿקאַ אין "דאָס שלאָס": איך פֿאַרשטיי אײַנפֿאַך ניט, וואָס טוט זיך דאָרטן, אין די "אינסטאַנצן", און ווי אַזוי צו האָבן צו טאָן מיט זיי. כאָטש די דעמאָקראַטיע האָט "מנצח געווען" דאָ, ווי מע שרײַבט אומעטום, אָבער אין דער אמתן איז אַלץ געבליבן אַזוי ווי געווען, אויב ניט נאָך ערגער, ווײַל קיינער פֿאַרשטייט ניט, ווער איז איצטער דער בעל־הבית.

אָבער מײַן פֿאַרהאַלטן דאָ האָט אויך געוויסע מעלות - איך האָב אויפֿמערקזאַם דורכגעלייענט אַנ־סקיס טאָגבוכער און געמאַכט קאָפּיעס פֿון אַ טייל פֿון זיי. האָפֿנטלעך וועל איך האָבן דעם רעשט אויך, אָבער דאָס איז אַ לאַנגע טירחה. דאָס ווענדט זיך ניט אַזוי אָן געלט (כאָטש דאָס איז אויך וויכטיק), ווי אָן פּערזענלעכע באַציִונגען מיט געוויסע מענטשן, וועלכע האָבן "אַנטדעקט" די דאָזיקע מאַטעריאַלן. פּרינציפּיעל זײַנען מיר געקומען צו הסכּם מיט זיי, אַז מיר וועלן אַרבעטן איבער אַנ־סקין בשותּפֿות. אין ЦГАЛИ (צענטראַל־אַרכיוו פֿון ליטעראַטור און קונסט) אין מאָסקווע געפֿינען זיך דרײַ העפֿטן פֿון אַנ־סקיס טאָגבוכער פֿאַר יאַנואַר־מאַרץ און סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1910, געשריבן מיט זײַן האַנט, און אויך די מאַשינען־קאָפּיעס פֿון צוויי פֿון די דאָזיקע העפֿטן. דער גאַנצער טעקסט פֿון זיי איז בערך פֿינעף דרוק־בויגנס. דער ערשטער טייל פֿאַלט זיך צונויף לויט דער צײַט מיטן צווייטן טייל פֿון "חורבן גאַליציע", אָבער לויטן תּוך איז דאָס אַנדערש. אין די טאָגבוכער שרײַבט ער מער וועגן זײַנע פּריוואַטע אָנגעלעגנהייטן, כאָטש דערמאָנט אויך די געשעענישן פֿונעם בוך. אינטערעסאַנט איז, וואָס אַ סך פֿון דעם, וואָס איז באַשריבן אינעם בוך, ווערט אין די טאָגבוכער בכלל ניט דערמאָנט. ווײַזט אויס, אַנ־סקי האָט געהאַט נאָך אַ מקור. ער שרײַבט אויך אַ סך וועגן זײַנע באַמיִונגען צו ברענגען זײַנע פּיעסע אויף רוסיש אויף דער בינע. דערווײַל האָב איך נאָך ניט געפֿונען קיינע שפּורן פֿונעם רוסישן אור־טעקסט. דער אַרכיוו פֿונעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער איז נאָך פֿאַרמאַכט, אָבער אין נאָוועמבער וועל איך קענען עפּעס צו טאָן.

חוץ אַנ־סקין, האָב איך געזען די זאַמלונגען פֿון דער נסתּר און שמואל האַלקין, וועלכע זײַנען נאָך ניט פֿאַנאַנדערגעקליבן.

איינער פון די רעזולטאַטן פון מיין אַרבעט איז דאָס, וואָס איך בין געקומען
צו דער מיינונג, אַז דער דריטער באַנד פון "משפּחה משבר" איז ניט געשריבן
געוואָרן, נאָר עס זיינען פאַראַן עטלעכע מאַטעריאַלן צו אים. די האַלקין-צאַמלונג
איז זייער א רייכע, אָבער איך האָב ניט באַוויזן דורכצוקוקן אַלץ.

דאָ איז געווען סילוויאַ גאָלדבערג פון פּאַריז, זי וויל שרייבן אַנ-סקיס ביאָגראַפיע.
זי האָט געזען די טאָגבוכער, און וויל זיי אַרויסגעבן אין פראַנקרייך. זי קען אָבער ניט
רוסיש און האָט דערביי קיין אַנונג ניט, וועגן וואָס ס'גייט א רייד אין זיי. ווי אַזוי
קען זי דאָס טאָן? מע דאַרף דאָך שרייבן זייער א פּרטימדיקער קאָמענטאַר צו זיי,
און דער טעקסט איז דורכויס "רוסיש" - א לויט דער שפּראַך, א לויט דעם קולטור-
רעלן קאָנטעקסט. נו, מילא.

איך האַלט, אַז קודם כל דאַרף מען דאָס אָפּדרוקן אין רוסיש, און אַזוי איז
אויך, ווי מע זאָגט, דער תּנאי פונעם אַרכיוו. כ'האָב באַקומען א פּאָרשלאָג אַרויסצוגעבן
צו גאַנצן פון אַן-סקי אויף רוסיש, ייִדיש און ענגליש. איך ווייס נאָך ניט, ווי ערנסט איז
דער דאָזיקער פּראָיעקט, ווייל [illegible] זיינען דאָ א סך פּראָבלעמען. אויב יאָ, וועל איך
זיך סטאַרען אַריינשליסן דאָרט די טאָגבוכער אויך. איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס ווילן
זיי אַרויסגעבן דאָס אויף ענגליש אויך, אָבער ווי זאָל עס ניט זיין, וואָלט איך געוואָלט
האָבן דעם אינהאַלט פון דיין בוך פון אַן-סקי. אפשר וועלן זיי אָפּקויפן די רעכט
אויף די איבערזעצונגען...

חוץ די טאָגבוכער, זיינען פאַראַן נאָך עטלעכע בריוו און קאָרעקטורן אין
תהום. איינע דערציילונג האָב איך ניט געפונען צווישן געדרוקטע זאַכן - זי הייסט
*"א שרעקלעכער און וווּנדערבאַרע געשיכטע וועגן א טורעם מיט פיר טויערן און דער
שטאָט רוים, וועגן דער אייזערנער קרוין, וועגן די ניט-פאַרוועלקנדיקע קרויטן און וועגן
דעם קייסער נירון". די קאָרעקטור 13 זייטן, איז דאַטירט מיטן 1918 יאָר. דאָס איז, אפשר, "דער טורעם אין רוי
איך האָב די קאָפּיע, אָבער ניט וואָס רעדט אויף דער פּובליקאַציע. דאָס איז א פאָלקס-מעשה,
אָבער דער סוזשעט ~~קען איך~~ איז מיר ניט באַקאַנט.

איך האָב געפונען נאָך א פּאָר-דריי זאַכן, וואָס זיינען ניטאָ אין דיין ביבליאָגראַפיע,
אָבער דאָס איז ווייט ניט אַלץ. איך האָף, אַז איכ'ל קענען זיך אָפּשטעלן אין דער
ביבליאָטעק און דורכקוקן די ייִדיש-רוסישע פּעריאָדיק.

איך גלייב, אַז סוף-כל-סוף וועל איך טאַקע אָנקומען קיין ניו-יאָרק.

זיי געזונט, חתימה טובֿה,

דיין מישע קרוטיקאָוו.